לזכות אליהו שמואל בן חיה בינה שיחי׳

לעילוי נשמת הרה״ת מוה״ר שניאור זלמן בן הרה״ח ר׳ נתן ע״ה גורארי׳
און גרשון דובער בן סימון ע״ה

אויפמערקזאם: דברי תורה טאָרן ניט געלייגט ווערן אין אַ מקום בזיון ח״ו, נאָר דאַרפן געלייגט ווערן אין שמות א.ד.ג.

תורה געדאַנקען פון ליובאַוויטשער רבי׳ן

די שיינע, די מיוחסים און די מכוערות

חמשה עשר באבב

ב״ה, מוצש״ק, ט׳ טבת, ה׳תשכ״ב
ברוקלין, נ.י.

כבוד המשתתפים בשיעור לימוד גפ״ת, בבית הכנסת עדת יעקב, ברוקלין
ה׳ עליהם יחיו
שלום וברכה!

נעם לי להודע מהרה״ח הוו״ח אי״א נו״נ רב פעלים וכו׳ מוה״ר משה פנחס שי׳ הכהן, אשר במוצש״ק ויחי הבע״ל מסיימת חבורתם מסכת תענית ומתחילים מס׳ ראש השנה.

וע״פ מנהג ישראל, אשר בגמרה של תורה, בסיום מסכת - אומרים הדרן כו׳ ודברי התעוררות, באתי בזה, בתור השתתפות בשמחתם, בשורותי דלהלן, בסיום מסכת תענית. וז״ל:

תנו רבנן יפיפיות שבהן מה היו אומרות, תנו עיניכם ליופי שאין האשה אלא ליופי, מיוחסות שבהן מה היו אומרות, תנו עיניכם למשפחה לפי שאין האשה אלא לבנים, מכוערות שבהן מה היו אומרות קחו מקחכם לשום שמים ובלבד שתעטרונו בזהובים. עכ״ל.

ובכלל - ג׳ משפחות הנ״ל מתאימות לשלשה המימרות דתני ר׳ חייא: אין אשה אלא ליופי, אין אשה אלא לבנים, אין אשה אלא לתכשיטי אשה (היינו -תעטרונו בזהובים - וכפירש״י ע״ז - תתנו לנו תכשיטין).

כיון שבעל כל ג׳ מימרות אלו - אחד הוא, מובן שאין בזה פלוגתא, כי אם שכל מאמר מדבר בסוג מיוחד בנשים.

ויש לפרש הענין בעבודת נשמות ישראל לה׳, (ובלשון הכתוב), בנות ציון האומרות ומבקשות את המלך שלמה, מלך שהשלום שלו, שיברור ויבחור בהם - במתן תורה, יום חתונתם.

- ועפ״ז יובן ויונעם ההמשך בהמשנה דסיום המשניות דמס׳ תענית, ושייכות הענינים בה: היו אומרות בחור כו׳ וכן הוא אומר צאו״ר בנות ציון כו׳ ביום חתונתו זה מ״ת כו׳ -

אשר ג׳ סוגים בנשמות ועבודתן: יפיפיות שבהן - יפה ומום אין בה ובעבודתה, עבודה שלא ע״מ לקבל פרס, עבודה אמתית מאהבה, וכמש״נ שכחי עמך ובית אביך (ועי״ז) ויתאו המלך יפיך. ולכן אומרות ומבקשות תנו עיניכם ליופי, שאין האשה אלא ליופי - תכלית השלימות, עבודה מאהבה לשמה.

מיוחסות שבהן - אלו הזקוקות לזכות וירושת אבות, אבל זכות אבות שלהן לא תמה, בשלימות היא. אין עבודתם תמה ואינה באה ממדריגת אהבת ה׳ עלי׳ נאמר מה יפית גו׳ אהבה בתענוגים, כי אם מאהבה המסותרת שבלב כללות ישראל שהיא ירושה מהאבות, ועי״ז מקיימין הן כל מצות התורה - ולכן אומרות ומבקשות תנו עיניכם למשפחה, יחוס אברהם אוהבי, לפי שאין האשה אלא לבנים - עיקר תולדותיהן של צדיקים (ועמך כלם צדיקים) מצות - כי הנשמה ירדה למטה כדי לתקן הגוף וכו׳ בלבד ע״י קיום המצות.

מכוערות שבהן - אלו שאפילו זכות (מל׳ זיכוך ובירור) אבות שלהן תמה, כי האהבה דירושת אבות מסותרת ומכוסה אצלן בלבוש שק דקליפה, מה היו אומרות ומבקשות קחו מקחכם לשום שמים, עשה למענך אם לא למעננו, ובלבד שתעטרונו בזהובים.

- כי בנות ישראל נאות הן (מאמינים בני מאמינים, ורוצים לדבקה בה׳ ולא ליפרד ח״ו) אלא שהעניות (אין עני אלא בדעת, מכסה על הנוי, על חפצם האמיתי ו)מנוולתן -

ומבקשות שיושפע להן עשירות, התעוררות תשובה מלמעלה, השיבנו ה׳ אליך (ועי״ז) - ונשובה.

ובכללות הן ג׳ החלוקות: צדיקים, בינונים, רשעים.

וע״פ המבואר מובן ויומתק ההמשך בגמרא לאחרי ת״ר הנ״ל: אמר עולא כו׳ עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים (ועמך כלם צדיקים) כו׳ וכל אחד ואחד מראה כו׳ -

כי לא ידח ממנו נדח וכל סוגי בני ישראל - ממלא ה׳ בקשתם ואמירתם אני לדודי ודודי לי.

וע״פ הנ״ל יש לרמז ולקשר הסיום להתחלת מס׳ ר״ה: ד׳ ראשי שנים הם באחד בניסן ר״ה למלכים.

- למלך ישראל דוקא, אשר ״מגמתו ומחשבתו להרים דת האמת - (הרמה ושלמות) - ולמלאות העולם צדק - (תומ״צ, בנים הנ״ל) - ולשבור זרוע הרשעים - (מכוערות)

ובא כ״ז בעבודת ועלית האדם בסולם המוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, הליכה מן הקל אל הכבד, עלי׳

ולרגלים - היינו (כפי׳ הגמרא) שהוקבע סדר ברגלים חהמ״צ - שהיו אז ערום וערי׳ ושקועים במ״ט שערי טומאה וכו׳ - ונגלה עליהם ממה״מ הקב״ה וגאלם. חה״ש - מ״ת ע״י שאמרו בנ״י בנינו עורבים אותנו. חה״ס, חג האסיף - תכלית השמחה והשלימות, ראשון לחשבון, נצחונם של ישראל בכל.

בכבוד ובברכה.

~~~~

ט׳ טבת: ראה טושו״ע או״ח הל׳ תענית סתק״פ שמתענין בו ולא כתבו רבותינו על מה הוא. וידועה התימא (ט״ז ואחרונים שם. נקבצו בס׳ דבר יום ביומו) דבסליחות דיו״ד טבת ובכ״מ איתא שאז מת עזרא הסופר. ולא זכיתי להבין התימא על הטור, שהרי דבריו לקוחין ממגלת תענית (בסופה). וע״כ צ״ל דלא ס״ל למגילת תענית דזוהי סיבת התענית (אפילו את״ל דס״ל שביום זה מת עזרא). - וא״כ אדרבא התימא היא על הפייטן הנ״ל איך יחלוק על מגלת תענית. - ואולי מדרש אחר מצא והעתיקו.

ג׳ משפחות הנ״ל מתאימות: ראה מפרשי הע״י כאן. - בע״י מוסיף משפחה רביעית עשירות. וי״ל כי יופי כולל ב׳ אופנים: יופי מעיקרא, יופי הבא ע״י העשירות. ובעבודת ה׳ ובחלוקות דלקמן - צדיק כולל צדיק מעיקרא ובעל תשובה. ובמלך דלקמן - היינו: מגמתו (רץ, חושק - ראה חבקוק א, ט), מחשבתו (הבנה והשגה). וברגלים - רגל הג׳ כולל לחה״ס ושמע״צ. ודו״ק בכ״ז. ואכ״מ.

דתני ר׳ חייא: כתובות נט, ב.

ויבחור בהם - מ״ת: ראה שו״ע רבנו הזקן ס״ס ס״ד: כשיאמר ובנו בחרת יזכור מ״ת.

עבודת אמתית: ראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״י.

שכחי עמך: ראה ב״ר ר״פ לך. של״ה שם (רעז, סע״ב). תו״א רד״ה רני ושמחי (הראשון).

מה יפית: ראה אגה״ק לרבנו הזקן סי״ח.

ועי״ז מקיימין: ראה תניא פ״ח ואילך.

מכוערות שבהן - האהבה דירושת אבות מסותרת ומכוסה אצלן בלבוש שק דקליפה, מה היו אומרות ומבקשות קחו מקחכם לשום שמים, עשה למענך אם לא למעננו, ובלבד שתעטרונו בזהובים. כי בנות ישראל נאות הן (מאמינים בני מאמינים, ורוצים לדבקה בה׳ ולא ליפרד ח״ו) אלא שהעניות (אין עני אלא בדעת, מכסה על הנוי, על חפצם האמיתי ו)מנוולתן, ומבקשות שיושפע להן עשירות, התעוררות תשובה מלמעלה, השיבנו ה׳ אליך (ועי״ז) - ונשובה.

עיקר תולדותיהן: ראה תנחומא ורש״י ר״פ נח. סוטה מו, סע״א.

כדי לתקן: תניא פל״ז.

ומכוסה אצלן: תניא פי״ט, פכ״ד.

בנות ישראל: נדרים סו, א.

חפצם האמתי: רמב״ם הל׳ גירושין ספ״ב.

מגמתו . . הרשעים: רמב״ם הל׳ מלכים ספ״ד. - הסיום שם ״ולהלחם מלחמות ה׳״ - כולל כל ג׳ הנ״ל ומפרש סיבתם. או י״ל - שהרי זהו מגמתו ופעולתו באומות ולא בבנ״י.

עלי׳ ולרגלים: ראה לקו״ת ברכה (צח, ב) עיי״ש.

ושקועים: ראה ז״ח ר״פ יתרו.

בנינו עורבים: שהש״ר עה״פ משכני.

ראשון . . נצחונם: ויק״ר פ״ל.

פאָרזעצונג פון זייט ניין

מען ניט צי ער האָט זיך אַליין גענומען דעם לעבן איידער מ׳האָט אים געקענט פּייניקן און אויספרעגן; צווישן די בעסטע ביכער איבערן ווילנער געטאָ זיינען די צוויי בענד פון פּראָפ. נ. נ. שניידמאַן אים צו לאַנגע יאָר, וועלכער וואוינט אין טאָראָנטאָ.)

פאַניע האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ געהיימע אונטערערדישע קעמפערין אין דער ״פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע״ אין געטאָ. זי האָט זיך געלערנט שיסן אַקוראַט און זיך געגרייט פאַרן עווענטועלן קאַמף קעגן די דייטשן. ווען די שטימונג האָט זיך גענומען אַריבערגיין פון ״קעמפן אין געטאָ גופא״ אויף ״אַנטלויפן אין וואַלד און קעמפן אינאיינעם מיט די פּאַרטיזאַנער וואָס דאָרטן״ איז פאַניע געווען צווישן די וועמען מען האָט אויסגעקליבן. דער איבערגאַנג אינעם פּלאַן איז געוואָרן נאָך מער בולט נאָכן ערשטן סעפּטעמבער 1943, ווען עס איז פאָרגעקומען די איינציקע באַוואָפנטע קאָנפראָנטירונג צווישן די געטאָ=פּאַרטיזאַנער און די דייטשן. דאָס איז דער ״אויפשטאַנד אין ווילנער געטאָ״, ווי ס׳ווערט צומאָל גערופן; ס׳איז געגאַנגען אינעם אויסטויש פון פייער אַרום סטראַשון גאַס נומער 12 אין וועלכן עס איז באַלד אומגעקומען דער העלדישער הויפּט פון דעראָ פּאַרטיזאַנער גרופּע, יחיאל שיינבוים הי״ד.

נאָך פאַר דעם האָט מען גענומען צוגרייטן פאַניען אַ פאַלשן כלומרשט-פּוילישן פּאַספּאָרט, זי זאָל קענען אַרויס פון געטאָ און זיך אָנשליסן אָן די קעמפער אין די אַרומיקע וועלדער. צו דעם צוועק האָבן די פּאַרטיזאַנער איר געמאַכט אַ פאָטאָגראַפיע. נאָר דער פּלאַן איז ניט געלונגען, מ׳האָט דעם געפעלשטן פּוילישן פּאַספּאָרט ניט געקענט מאַכן. די פאָטאָגראַפיע איז ביי איר געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

סוף=כל=סוף, אין דער לעצטער רגע פאַר דער ליקווידירונג פון געטאָ האָט מען געגעבן פאַניען מיט נאָך אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער גענויע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי, ווען און דורך וועלכע וועגן און אומוועגן זיך אַרויסגנבענען פון געטאָ, דורכגיין די ווילנער גאַסן די דייטשן און די ליטווינער היטער זאָלן ניט פאַרשטיין אַז דאָס איז אַ איד, דורכיין ווייטע וועלדער, דערפער און ישובים, בכדי אָנצוקומען צו דער געהעריקער פּאַרטיזאַנער באַזע אין וואַלד. דאָס האָט מען זיך געדאַרפט פונעם פּאַרטיזאַנער=קאָמאַנדיר זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק, כדי דער מאַרשרוט זאָל ניט באַקאַנט ווערן די דייטשן, טאָמער וועט עמעצער צו זיי אַריינפאַלן.

דאָנערשטיק אינדערפרי, דעם דריי=און=צוואַנציקסטן סעפּטעמבער 1943, איז פאַניע יאָכעלעס אַרויס פון געטאָ לויטן פּלאַן, צוזאַמען מיט נאָך אַ ווילנער פּאַרטיזאַנקע, דאָבקע דעוועלטאָוו (היינט אין לאָס אַנדזשעלעס). זיי זיינען אַרויסגעקראָכן דורך אַ לאָך אין דער וואַנט, וואָס עס האָבן ״אָרגאַניזירט״ די פּאַרטיזאַנער.

״מיר האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ זאַלבעצווייט, איך מיט דאָבקע דעוועלטאָוו, זיך געמאַכט פאַר פּאָלאַטשקעס און דורך אַ נס האָט מען אונדז ניט געכאַפּט. אין אַ פינף=צען מינוט אַרום, שטייענדיק אַ ביסל ווייטער אויף די ווילנער גאַסן, שוין אויף דער פריי, האָבן מיר דערזען ווי די פּאָליציי רינגלט אַרום די געטאָ, און דאָס איז געווען די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון ווילנער געטאָ און פון ווילנער אידנטום״. די מערסטע אידן האָט מען תיכף געפירט אויף פּאָנאַר צום שיסן. פאַניעס משפּחה, די פאַרבליבענע אין געטאָ, זיינען אָבער געווען צווישן די פאַרשיקטע: טאַטע=מאַמע האָט מען פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין עסטלאַנד (עסטאָניע) וואו מ׳האָט זיי אומגעבראַכט. די אינגערע שוועסטער ריוועלע האָט מען געשיקט אין לעטלאַנד (לאַטוויע) און פון דאָרטן אין קאָנצענטראַציע לאַגער שטוטהאָף, וואו זי איז אומגעקומען. הי״ד.

פאַניע מיט דאָבקע זיינען נאָך אַ מעת=לעת אָנגעקומען צו די פּאַרטיזאַנער. אינעם לעצטן דאָרף פאַר דער באַזע אין וואַלד, האָט אַ גוטער קריסט זיי געגעבן וואָס עסן, געוויזן דעם וועג און זיי ניט אַרויסגעגעבן צו די דייטשן אָדער ליטווינער. ביז היינט פאַרדריסט פאַניען וואָס זי און דאָבקע האָבן זיך ניט פאַרגעדענקט דעם מענטשנס נאָמען.

און אין וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן די קאַרגע צען חדשים לעבן אין אַ ״זיעמלאַנקע״ (אַ מין שטיבעלע פון ברעטער איינגעגראָבן אין דער ערד, מיט ערד און גראָזן פון אויבן, ס׳זאָל ניט אָנזען פאַר די דייטשישע עראָפּלאַנען). צווישן די הונדערט מענטשן אין דער באַזע, אַן ערך פערציק קילאָמעטער פון ווילנע, זיינען די ווייט גרעסטע מערהייט געווען אידן, מערסטנטייל אַנטלאָפענע פון ווילנער געטאָ.

די גרופּע האָט געהייסן ״נקמה״ און איר ציל איז געווען צו צעשטערן וואָס מער די דייטשישע מיליטערישע מאַשין. עס זאָל ניט זיין קיין צווייפל וועגן דעם אין וואָס ס׳האַנדלט זיך: ״מיר האָבן אויפגעריסן רעלסן, באַנען, אַזעלכע פאַרבינדונגען ווי די טעלעפאָנישע סלופּעס, אויסגעפירט זאַדאַניעס (אויפגאַבן) און געמאַכט זאַסאַדעס (אַמבושן) אויף דייטשישע זעלנער. מ׳האָט אומגעבראַכט פאַשיסטן״.

יולי 1944 ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון ווילנע, איז פאַניע מיט די לעבן=געבליבענע פּאַרטיזאַנער צוריקגעקומען צו איר באַליבטער ווילנע, שוין אַ שיער=ניט אידן=לאָזער שטאָט.

פון ירושלים ד׳ליטא איז געבליבן אַ באַרג מיט אַש.

פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי מיט אירע מעדאַלן, צוגעטיילט פון דער סאָוועטישער מאַכט פאַר איר העלדישקייט אין די וועלדער, קעמפנדיק קעגן די נאַציס. זי איז געווען פון די ערשטע פרויען וואָס האָט באַקומען דעם מעדאַל פאַר ״פּאַרטיזאַן, ערשטע גרופּע״, האָט אויך באַקומען פאַר איר העלדישקייט אָן אָרדן און אַ ריי אַנדערע מעדאַלן.

אַז עס גייט אין משיג זיין די מלחמה איבערלעבונגען פון אַ שארית הפליטה איד, איז תמיד כדאַי צו באַקומען די צוגאָבלעכע פּערספּעקטיוו פון אַ צווייטן. האָבן מיר אין שייכות מיט אָטאָ דעם ״איגרתל פון ווילנע״ אין ״אַלגעמיינעם זשורנאַל״ געבעטן ביי פּראָפעסאָר נ.נ. שניידמאַן, ווי אויבן דערמאָנט, דער מחבר פון צוויי אויסגעצייכנטע ביכער וועגן ווילנער געטאָ, ער זאָל אָנשרייבן אַ באַגריסונג צו דעם פינף=און=אַכציקסטן געבורטסטאָג פון פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי.

גיבן מיר איבער דאָס וואָרט פּראָפעסאָר שניידמאַנען:

״פאַר דער מלחמה האָט אונדזער משפּחה געלעבט אין זעלביקן בנין וואָס פאַניעס, אויף זאַוואַלנע 33 (היינט פּילימאָ 35). די פאַמיליע יאָכעלעס האָט געלעבט אויפן ערשטן גאָרן. פאַניעס פאָטער איז געווען אַן אינסטרוקטאָר אין אידישן טעכניקום און ער האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט דערלעבן.

״שפּעטער=צו, אין ווילנער געטאָ, איז ווייטער אויסגעקומען לעבן אין זעלביקן בנין מיט דער משפּחה יאָכעלעס אויף סטראַשון 7. ניט קוקנדיק וואָס פאַניע איז געווען עלטער, און איז געווען אַ שילערין אין דער אידישער ״רעאַל=גימנאַזיע״, בעת איך בין געגאַנגען אין דער ״תרבות״ שול, איז זי נאָך דער מלחמה געוואָרן ביי מיר ליבער ווי אַוועלכער ניט איז אַנדער מענטש אין דער שטאָט. כמעט די גאַנצע משפּחה מיינע איז אומגעקומען אינעם חורבן. פאַניע איז געווען חתונה געהאַט מיטן פּאַרטיזאַן מיכל בראַנצאָווסקי, מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט אין וואַלד צווישן די פּאַרטיזאַנער. און די משפּחה בראַנצאָווסקי איז פאַר מיר געקומען אויפן אָרט פון מיין אייגענער פאַרניכטעטער משפּחה.

״ס׳איז געווען אַזוי: דעם ערשטן ׳טאָג פון נצחון׳ נאָך דער מלחמה, דעם ניינטן מאַי 1946, בין איך אַהיימגעקומען אין ווילנע פון דער אַרמיי. איך האָב באַקומען פיר וואָכן אורלויב פאַרן ווערן דער טשאַמפּיאָן באָקסער אינעם מיליטערישן ראַיאָן וואו איך האָב געדינט.

״איך בין אַרום און אַרום געגאַנגען די גאַסן פון מיין געבאָרנשטאָט. נאָר איך האָב קיין איין מענטשן ניט געטראָפן וועמען איך קען. קיין איין באַקאַנטן ניט. איך האָב געקלערט צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך קיינמאָל מער ניט אומקערן. נאָר וואָס איז געשען, אין וועג צו דער אייזנבאַן סטאַנציע, לעבן דער כאָר=שוהל, האָב איך פּלוצלונג דערזען אַן אַלטע אידישע פרוי וועלכע האָט מיר דערקענט. זי האָט געקענט מיין פאָטער פון געטאָ. זי האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אַ גרופּע אינגערע אידן לעבן זיך אין אַ קאָמונאַלער דירה אין צענטער שטאָט. דאָרטן האָב איך געטראָפן פאַניען און איר מאַן מישאַ בראַנצאָווסקי.

״און פון יענעם טאָג און ווייטער איז מיין גורל געווען געקניפּט און געבונדן מיט די בראַנצאָווסקיס. זיי האָבן מיר געמאַכט אַן אָרט אין זייער ענגער דירהלע און אַלץ געטאָן איך זאָל זיך פילן באַקוועם, און ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי האָבן זיי מיר אַריינגענומען ווי אַ לייבלעכן ברודער אין דער קליינטשיקער דירהלע.

״דאָס איז געווען אַן אַקט פון אויסערגעוויינלעכער ברייטהאַרציקייט און גוטהאַרציקייט. אַלע האָבן געמיינט אַז מיר זיינען זיכער בלוט=קרובים. די בראַנצאָווסקיס האָבן פאַר מיר געגעבן אַ מוסטער פון משפּחה ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, און פאַניע איז געווען דער טרייבנדיקער כח פון גאַנצן הויז=געזינד.

״זעקס יאָר, פון 1947 ביז 1953 האָב איך געלעבט ביי דער משפּחה בראַנצאָווסקי, און קיין איין מאָל אויך ניט האָב איך ניט געזען אָדער געהערט זיי זאָלן זיך קריגן. פאַניע האָט ליב צו אַרבעטן שווער, זי איז אינטעליגענט, נאָר אַלעמערשטנס איז זי אַ קלוגער און געטרייער פריינט. זי וועט קיינמאָל ניט האַלטן קיין דרשות, נאָר זי וועט אַלעמאָל לויפן צו קומען צו הילף אַ נויטבאַדערפטיקן.

״אַפילו היינט, אין אונדזערע יאָרן, ווען דער מענטשלעכער אַרום פון די בני דור ווערט וואָסאַמאָל מער איינגעשרומפּן, האָט אונדזער פאַניע אַ מחנה געטרייע חברים איבער אַלע עקן וועלט וועלכע שאַצן הויך, זייער הויך, זייער פריינטשאַפט מיט איר.

״איל בין שטאָלץ וואָס איך בין פאַניעס אַן אַלטער, אַלטער חבר, כאָטש איך ווייס זייער גוט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט קענען צוריקצאָלן דער משפּחה בראַנצאָווסקי פאַר דעם אַלעמען וואָס זיי האָבן פאַר מיר געטאָן״.

- נ. נ. (ניאָניע) שניידמאַן

ון אחרון אחרון. פאַרן גיין אין דרוק מיטן איצטיקן איגרתל לכבוד אונדזער ליבער פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקיס פינף=און=אַכציק יאָר, איר צו לאַנגע געבענטשטע יאָרן, האָבן מיר ביי איר געפרעגט אָט וועלכע פראַגע: וואָס איז געווען איר מיידלשער חלום? וואָס האָט זי געוואָלט אויסוואַקסן, אין יענעם ווייטן אַמאָל, אַז זי איז געווען אַ שילערין אין די ווילנער אידישע שולן?

״איך האָב געוואָלט ווערן אַ לערערין״.

די פּלענער האָט צעשטערט די מלחמה. נאָכן אומקום פון אירע עלטערן און די שוועסטער, נאָכן אומקערן זיך אין ווילנע פון דער פּאַרטיזאַנער באַזע, זיינען שוין כמעט ניט געווען קיין אידן און במילא זיינען ניט געווען קיין אידישע שולן וואו זי וואָלט געקענט מיט דער צייט ווערן אַ לערערין.

איז זי גאָר געוואָרן אַן עקאָנאָם, און מיט דער צייט די דירעקטאָרשע פון אַן אָפּטיילונג פון סטאַטיסטיק. ביי דעם האָט זי געאַרבעט פון זומער 1944, אַז זי האָט זיך אומגעקערט אין ווילנע, און ביז זי האָט זיך פּענסיאָנירט אין 1989.

האָט דער גורל געוואָלט, אַז פּונקט דאַמאָלסט האָט געהאַלטן דער סאָוועטנפאַרבאַנד אין צעפאַלן זיך און עס האָט זיך געשאַפן אין ווילנע דער אידישער קאָמיטעט פון וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די אידישע קהילה אין ווילנע. פון סאַמע ערשטן טאָג, איז פאַניע אַ שטאָלצע מיטגלידערין פון דער קהילה און אַ מיטגרינדער פון דער אָפּטיילונג פאַר געוועזענע געטאָ אסירים און פון געוועזענע מלחמה קעמפער און פּאַרטיזאַנער.

נאָכן צעפאַלן ווערן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן גענומען קומען צו פאָרן אין ווילנע, אַזוי ווי אין אַנדערע אַמאָליקע אידישע שטעט אין מזרח אייראָפּע, וואָסאַמאָל מער אידן פון איבער גאָר דער וועלט. און מ׳האָט גענומען אַנטוויקלען אַ אידישן לעבן פאַר די געבליבענע אידן אין ווילנע (מערסטע זיינען אָנגעפאָרענע פון נאָך דער מלחמה פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, פון די ריכטיקע ווילנער זיינען זייער ווייניק געבליבן).

פאַר נאָענטע און פאַר ווייטע, פאַר יונגע און אַלטע, אידן און ניט=אידן, און וואָסאַמאָל מער פאַר סטודענטן, איז דער נאָמען ״פאַניע בראַנצאָווסקי״ געוואָרן אַ שם=דבר, אַ סימבאָל ניט נאָר פון אידישער גבורה, נאָר פון אַ שיער ניט איבערמענטשלעכער פרייד אין דער מעגלעכקייט איבערגעבן דעם גאַנצן אמת, אַלץ אויפן אָרט און אויף אַן עכטן ווילנער אידיש, צו נייע דורות ״וואָס ווילן דאָס אַלץ וויסן״.

ווען עס האָט זיך דאָ אין ווילנע אָרגאַניזירט דער ווילנער אידישער אינסטיטוט מיט אַ זעקס יאָר צוריק, איז עס געווען אַ כבוד און אַ גליק וואָס מיר האָבן געקענט נעמען פאַר דער ביבליאָטעקאַרין: פאַניע בראַנצאָווסקי. ניט נאָר וואָס זי גיט אַכטונג אויף אַ וואַקסנדיקער שיינער אידישער ביבליאָטעק, נאָר זי איז געוואָרן ווי אַ האַרץ און אַ נשמה פונעם אידישן אינסטיטוט גופא: דער ריכטיקער ווילנער, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם חורבן און וויל יעדן באַווייזן יעדן ווינקל פון דער שטאָט און פון די פּאַרטיזאַנישע ערטער. זי איז אַ ״געבאָרענע לערערין״; דערציער מן הטבע ווייסן דאָך זייער גוט, אַז בסבר פּנים יפות, מיט נעימות און מיט אַ קול דממה דקה, קען מען לערנען מיט תלמידים אַפילו וועגן די שוידערלעכסטע, אכזריותדיקע פּרשיות אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אַנדערש געזאָגט געוואָרן, איז איצט מקוים געוואָרן דער מיידלשער חלום פון פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי.

זי איז געוואָרן די טייערסטע אידישע לערערין אין ווילנע.

ביי היינטיקן טאָג איז פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי די ביבליאָטעקאַרין פון ווילנער אידישן אינסטיטוט ביים ווילנער אוניווערסיטעט אין ווילנע. אינגערע און עלטערע אידן קומען פון אַלע עקן וועלן אויסזוכן פאַניען, זי זאָל דערציילן פון דער אַמאָליקער ווילנער, פון די יאָרן אין ווילנער געטאָ און פון אירע איבערלעבונגען אַלס אידישע פּאַרטיזאַנערין. ״עס גיט מיר צו כח״, זאָגט זי, ״צו קענען דאָס אַלץ באַווייזן די אינגערע דורות אידן, זאָלן זיי דאָס דען און וויסן״. דעם חודש, קומען אַן ערך אַכציק סטודענטן פון איבער דער וועלט שטודירן אידישע שפּראַך און ליטעראַטור אויף דער ווילנער זומער=פּראָגראַם, און אַזוי ווי אַלע יאָר, שטעלן מיט זיך פאַר פאַניעס לעקציעס אַ הויכפּונקט.

פאַניע יאָכעלעס=בראַנצאָווסקי ווייזט אָנעט אויף די טרעפּ פונעם דעם מויער אין ווילנער געטאָ וואו זי מיט אירע עלטערן און שוועסטער האָבן געלעבט ביז דעם לעצטן טאָג פון דער געטאָ, דעם 23טן סעפּטעמבער 1943, ווען פאַניע איז אַנטלאָפן אין וואַלד. די הילצערנע טרעפּ און דער אָרעמער בנין מיט דירות, איז היינט געבליבן פונקט ווי אַמאָל, כאָטש אַרום און אַרום רעמאָנטירט מען די הייזער אין דער אַלטער שטאָט, און די שטוב וועט מען אָן אַ ספק אויך רעמאָנטירן. די דירה איז געווען אויף סטראַשון גאַס 7 אין ווילנע (היינט: זשעמאַיטיאָס 5 אין ווילניוס).

פאַניע (אונטן, לינקס) שטייט לעבן בנין וואו ס׳איז אַמאָל געווען די וועלט=מפורסמדיקע דרוקעריי פון ״האלמנה והאחים ראָם״ אין ווילנע.
~~~~